גוט שבת אלע אידן. אין די פרשה די וואך, דערציילט די היילגע תורה ווי די אידישע קינדער האבן גענוצט חצוצרות אין די מלחמה קעגען די מדינים. וויבאלד די תורה רעדט שוין פון ענין פון חצוצרות, טוהט דער מדרש אויך רעדן וועגן אנדערע אופנים ווען חצוצרות זענען גענוצט געווארן, למשל אין ערב שבת צו מודיע זיין אז שבת קומט.

דער מדרש איז מסביר ווי ערב שבת איז דער שמש פון בית הכנסת ארויפגעגאנגען אויפ׳ן העכסטע בנין אין שטאט וואו ער האט געבלאזן דריי סדרים פון בלאזן. די ערשטע סדר פון בלאזן האט ער געבלאזן פריער אין טאג, כדי צו מודיע זיין די ארבעטערס וועלכע ארבייטן אין די פעלדער גאר ווייט פון שטאט. די צווייטע סדר פון בלאזן האט דער שמש געבלאזן אביסל שפעטער, און עס איז געווען פאר די אידן וועלכע האבן געארבעט נענטער צו דעם שטאט. דער לעצטע סדר פון בלאזן האט דער שמש אנגעהויבן צו בלאזן באלד פאר שבת קודש. ווען דער שמש האט געענדיגט די לעצטע סדר פון בלאזן, האט יעדער איינער געדארפט מקבל זיין שבת. (עיין מדרש תנחומא מטות פרק ב) דער מדרש גיבט אונז אן אינטערעסאנטע היסטארישע בליק אויף די לעבען פון פריערדיגע דורות. אבער, ס׳ליגט אין די שטיקל מדרש א גאר וויכטיגע יסוד אין אונזערע טאג טעגליכע לעבן.

חז״ל זאגן אז די וועלט איז א בחינה פון זעקס טעג פון חול, און עולם הבא איז א בחינה פון שבת, ווייל עולם הבא איז ״יום שכולו שבת.״ (עיין סנהדרין צז.) יעצט קען מען ארויסברענגען א שיינע מוסר השכל פון די שטיקל מדרש וואס רעדט וועגן בלאזן די סדרים פון חצוצרות ערב שבת. די ערשטע סדר פון בלאזן האט דער שמש געבלאזן פריער אין די טאג, כדי מודיע צו זיין צו די ארבעטערס וועלכע ארבייטן אין די פעלדער גאר ווייט פון שטאט. אזוי ווי עס איז היינט אין אונזערע טעג. דער אייבערשטער בלאזט פון הימעל צו אידן כדי זיי זאלן אהיים קומען פאר שבת, ד״ה תשובה טוהן זיך צו צוגרייטן צו דעם ״יום שכולו שבת.״ וויבאלד מיר שטיין אזוי נאנט צו משיח און צו די ״יום שכולו שבת,״ איז דער אייבערשטער כסדר אונז מעורר צו טוהן תשובה מיט הימלישע סיגנאלן. די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי איין איד האט צוגעהערט צו דעם אייבערשטענ׳ס ״בלאזן.״

רב אליעזר סאנדלער (זיין עכטע נאמען) איז אין די יאר תשל״ג געווארן דער ״הויפט-רב״ פון די ארמיי פון דעם לאנד ״סאוט אפריקא״. א גרויסער חלק פון זיין תפקיד איז געווען צו דינען אויף פארשידענע לאגרן (א מחנה פון סאלדאטן) ארום דעם לאנד. די סאוט אפריקאנער ארמיי האט דעמאלטס געהאלטן א מלחמה קעגען טערוריסטן אין די דז׳אנגלען פון סאוט אפריקא און אין לענדער לעבן סאוט אפריקא. אמאל, איז רב סאנדלער געגאנגען באזוכן אידישע סאלדאטן אין א געוויסע לאגער אין א פלאץ טיף אריין אין דעם דז׳אנגעל.

ווען רב סאנדלער איז אנגעקומען צו יענעם לאגער, האבן זיי איהם געזאגט אז ס׳איז דריי אידישע סאלדאטן וואס זענען נישט געזונט, ל״ע. פארשטייט זיך, ער איז גלייך געגאנגען מקיים זיין דעם מצוה פון ״ביקור חולים״. צווי פון די סאלדאטן האבן טאקע נישט גוט געפילט. אבער דער דריטער האט אויסגעקוקט אינגאנצן געזונט און שטארק. רב סאנדלער האט געפרעגט דעם דריטן סאלדאט פארוואס ער איז אין שפיטאל. ״איך דארף מיך אויסרוהן פון ׳שאק׳.״ האט דער יונגער סאלדאט אנגעהויבן צו זאגן. ״אן עלעפאנט האט מיך נעבאך איבערגעטרעטן!״

״אן עלעפאנט? ווי קען זיין אז דו לעבסט נאך די שרעקליכע מעשה?!?״ האט רב סאנדלער געפרעגט. ״לאז מיך דערציילן מיין מעשה.״ האט דער סאלדאט געזאגט. ״די דז׳אנגעל איז א געפערליכע פלאץ, נישט נאר פון די טערוריסטן, נאר אויך וועגן די ווילדע חיות וועלכע דרייען זיך ארום...״

״ אויך עס איז וויכטיג צו דערמאנען אז איך בין דער ׳ראדיו מענטש׳ ד״ה, איך דארף ארומגיין מיט א ראדיו צו אריינרופן צו דעם לאגער, טאמער דער פאטראל טרעפט טערוריסטן. איך דארף טראגן די זאכן פאר דעם ראדיו אויף מיין ריקן. די ראדיו זאכן זענען א זייער שווער פעקל.״

״איין טאג זענען מיר ארויסגעגאנגען אויף א פאטראל טיף אריין אין דעם דז׳אנגעל. פלוצלינג האבן מיר געזעהן א ריזיגער עלעפאנט. מיינע חברים האבן אנגעהויבן זיך צו רייצן מיט דעם עלעפאנט, שלעפן זיינע גרויסע אוירן אין זיין גרויסע ווידל. אין אנהייב, האט דער עלעפאנט גאר נישט געטוהן. אבער, נאך א פאר מינוט איז דער ריזיגע חיה אויפגערעגט געווארן. האט ער אויפגעהויבן זיינע גרויסע ״חדקים״ און ער האט ארויסגעבלאזן א גרויסע בלאז פון זיין נאז, און ער האט אנגעהויבן אונז נאכצולויפן שנעל. איך און מיינע חברים זענען אנטלאפן פון דארט. אבער, מיין פעקל איז אזוי שווער געווען אז איך האב נישט געקענט מיטלויפן מיט מיינע חברים. פלוצלינג בין איך אראפגעפאלן אויף מיין פנים. דער עלעפאנט איז געקומען באלד דערנאך און ער האט געטרעטן אויף מיך מיט זיין גרויסען פוס! יעצט הערט צו, עלעפאנטן זענען ריזיגע חיות וועלכע קענען זיין 11 פוס הויך מיט א וואג פון איבער 10,000 פונדט! עס איז טאקע געווען א נס! ווייל די ערד וואו איך בין געפאלן איז געווען ווייך. ווען דער עלעפאנט האט געטרעטן אויף מיך, בין איך איינגעזונקען געווארן אין די ווייכע ערד. דער ראדיו איז געווארן צוקוועטשט אזוי דין ווי א ״פעני״ (א מטבע) אבער גאר נישט איז געשען צו מיר! בין איך געקומען דא אין שפיטאל נאר זיך צו אויסרוהן פון ׳שאק׳!״ האט דער סאלדאט געענדיגט זאגן.

דער רב סאנדלער איז אליינס געווען אין ׳שאק׳ ווען ער האט געהערט די מעשה. ״דו ווייסט וואס,״ האט רב סאנדלער אנגעהויבן צו זאגן, ״דו דארפסט בענטשן גומל און דאנקען דעם אייבערשטען פאר דעם נס וואס ער האט געטוהן פאר דיך!״ דער סאלדאט האט אנגעקוקט דעם רב סאנדלער׳ן און ער האט געזאגט, ״איך האב קיין אנונג וועגן וואס די רעדסט!״ דער סאלדאט איז נעבאך געווען א תינוק שנשבה און ער האט קיינמאל נישט געלערנט קיין אות פון תורה אין זיין לעבן.

רב סאנדלער האט אביסל מסביר געווען די ענינים פון גומל בענטשן און בכלל דעם ענין פון דאווענען מיט א מנין אין א שול. דער סאלדאט איז געווארן שטארק אינטערעסירט אין אידישקייט און ער האט טאקע געוואלט בענטשן גומל, אבער עס איז נישט געווען קיין מנין אין דעם דז׳אנגעל.

א שטיק צייט שפעטער, האט דער סאלדאט געענדיגט דינען אין די ארמיי, און ער איז אהיימגעפארן צום שטאט יוהאנעסבורג, וואו ס׳דא א אידישע קהילה. ער איז גלייך געגאנגען זוכן א מנין כדי צו בענטשן גומל. צוביסלעך, איז ער געווארן אינגאנצען ערליך. ווען מיר ליינען די ווערטער, שטייגט דער אינגערמאן העכער און העכער אין אידישקייט און אין יראת שמים. אלעס איז געווען וועגן א גרויסע פוס פון אן עלעפאנט. (פון ״חזיות של גדלות״, ר׳ יוסף ווייס, כרך ה, עמוד צ)

אין אונזערע מעשה, האט דער סאלדאט געהערט די חצוצרות פון אן עלעפאנט. מיר זאלן אויך דערקענען ווען דער אייבערשטער בלאזט און אונזערע אייגענע לעבען. דער אייבערשטער בלאזט כסדר כדי אונז מעורר צו זיין תשובה צו טוהן צו צוגרייטן פאר די ״יום שכולו שבת,״ ווען מיר קענען זוכה זיין צו זאגן יעדען טאג: **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה,
שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**

״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (זוהר הקדוש שמות פר׳ תרומה קלא:)